מײַ 2004 / אייר תּשסד

חשובֿע לערערס און קאָלעגעס,

מיר קוקן גאָר שטאַרק אַרויס אויף דער צווייטער **קאָנפֿערענץ פֿון אוניווערסיטעט־לערערס פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור**, וואָס וועט פֿאָרקומען זונטיק, דעם 11טן יולי, 2004, פֿון 9:30 אין דער פֿרי ביז 4:30 בײַ טאָג, אין טרעפֿזאַל פֿון „גאָלדסמיט־האַל“ בײַם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דער טרעפֿזאַל געפֿינט זיך אויף 537 וועסט 121סטע גאַס, ראָג בראָדוויי. מע קען אָנקומען אַהין מיט די 1/9־אונטערבאַן־ליניעס אָדער מיט די בוסן נומער 4 אָדער 104.

בײַגעלייגט געפֿינט זיך אַ פּעקל מאַטעריאַל וואָס וועט אײַך העלפֿן זיך צוצוגרייטן אויף דער קאָנפֿערענץ. דאָס פּעקל נעמט אַרײַן

* אַ פּרטימדיקן צײַטפּלאַן;

* פֿרעגבויגנס פֿאַר די שמועס־גרופּעס, וואָס וועלן זיך אָפּגעבן מיט דרײַ טעמעס (זעט צײַטפּלאַן);

* און לייענוואַרג אויף דער הויפּטלעקציע (זעט צײַטפּלאַן).

אין די קומעדיקע וואָכן וועלן מיר אײַך געבן צו וויסן אין וועלכער גרופּע איר געפֿינט זיך. אַזוי ווי די הײַיאָריקע קאָנפֿערענץ גיט אָפּ אַ היפּש ביסל צײַט אַזעלכע גרופּע־סעסיעס, בעטן מיר אַז יעדער באַטייליקטער זאָל זיך גוט אַרײַנטראַכטן אין די פֿראַגעס וואָס ווערן געשטעלט אויף די בויגנס, און זאָרגעוודיק צוגרייטן אין פֿאָרויס די געבעטענע מאַטעריאַלן. פֿאַרגעסט אויך ניט אינעם לייענוואַרג, וואָס די הויפּטרעדנערינס האָבן אונדז רעקאָמענדירט.

מיר וואָלטן געוואָלט אַז די הײַיאָריקע קאָנפֿערענץ זאָל מצליח זײַן אַזוי ווי פֿאַר אַ יאָרן. דערפֿאַר איז גאָר וויכטיק, איר זאָלט קומען אויף דער קאָנפֿערענץ און זיך גרייטן אַקטיוו צו באַטייליקן זיך אויף די סעסיעס. אין איינעם קען אונדזער אַרבעט זײַן שעפֿערישער און הצלחהדיקער.

מיר וועלן זיך זען אין אַ פּאָר חדשים אַרום!

אײַער

שלום בערגער
פֿאַר דער פּלאַניר־קאָמיסיע

ע"ש: טאָמער האָט איר אונדז נאָך ניט געגעבן צו וויסן, צי איר קומט, אָדער נאָך ניט אַרײַנגעשיקט אײַער רעגיסטריר־געלט, טוט עס גלײַך. אַ דאַנק! *די קאָמיסיע*